חוברת לא

ספרי׳ — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

## כתובים בידי הרבנית הצדקנית
## מרת **חנה** ע״ה ז״ל

אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל

## מוהר״ר ר׳ לוי יצחק

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

הוריו של כבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•


יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים״**

770 איסטערן פאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן

# Reshimas Zichronos

kesuvim bidei harabanis hatzidkanis
maras Chana

Installment 31

Published and Copyrighted © 2012
by
**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

---

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700 :נדפס בדפוס

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת ל"א של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים"**

ראש חודש מתן תורה, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

## אין קהלה איז געוואָרן צוויי צדדים

די ציונים מיט די איבעריקע פאַרטייען זיינען געווען פעסט אַנקעגן שניאורסאָהנ׳ס קאַנדיטאַטור, און עס איז געוואָרן אין קהלה צוויי צדדים.

מיט איינעם, מיט דער חסידשער, האָט אָנגעפירט פאַליי[456] — עס דערמאָנט מיר ווי ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער האָט געזאָגט וועגן דעם אידן וואָס האָט געדאַווענט שמירנדיק די רעדער, וואָס אפילו בעת ער שמירט די רעדער דאַווענט ער אויך. ביי פאַלייע׳ען, פלעגט זיך טרעפן, אַז ער פלעגט זיצן שבת ביייטאָג מיט דעם פאַפּיראָס אויף דעם פּראָספּעקט[457], און טראַכטן עצות ווי דורכפירן דעם חסידישן רב. און האָט געזאָגט אַז ער קוקט אויף דעם, ניט ווי אויף אַ יחיד, נאָר ווי אויף זען די שיטה פון חסידות זאָל ניט פאַרגעסן ווערן, און בכלל דער אידעשער לעבן זאָל זיך שטאַרקן.

אידן מיט ווייסע בערד, און איבעראַל פון די פרומערע קאַטיעגאָרי, וואָס אַזוי איז ער מיט זיי געווען גאַנץ ווייט, אָבער אין דער פראַגע, האָט ער זיך מיט זיי פאַראייניקט און איז געוואָרן ביי זיי דער „לידער״.

דאָס איז געווען דער רוב שול אידן, אַבסאָליוטנע ניט אָרגאַניזירט, ווי דעמאָלט זיינען זיי געווען אין רוסלאַנד, און זיי האָבן מיט אַמאָל זיך געדאַרפט לערנען אַלע חוקים פון וואַלן מיט התחכמות פון אַ פאַרלאַמענט, וואָס האָבן פון דעם קיין אַהנונג ניט געהאַט.

און פאַליי האָט דאָס מיט זיי געשטודירט, ווי איך האָב אויבן געשריבן, זיצענדיק אויף דעם פּראָספּעקט.

דער אַנדער צד איז געווען פון פאַרטיינע מענטשן, וואָס זייער לעבן האָבן זיי אין דעם פאַרבראַכט, און דער אָנפירער ביי זיי איז געווען דער

---

456) מכתבי כ״ק אדמו״ר מהורש״ב נ״ע להר׳ פייטל פאַליי ולבנו שמריהו (סרגיי), אודות מינויו של רבי לוי יצחק כרב העיר — באגרות־קודש כ״ק אדמו״ר מהורש״ב ח״ד ע׳ רמז ואילך. ע׳ שכז ואילך.

457) שדרה רחבה.

גרעסטער „גביר” פון שטאָט, אַ גרויסער נדבן, געווען אַ סך וואָס האָבן מיט אים געהאַלטן, פאַר מורא, עס זאָל זיי ניט שאַטן אין פרנסה, ער האָט געוואָלט האָבן דעם גרעסטן כח אין קהילה. איז געווען פאַלן, וואָס ער האָט צוגענומען מענטשן אויף שטעלעס, און האָט זיי דורכגעפירט פאַר מעמבערס אין קהילה.

פאַליי, איז אויך געווען זייער רייך, אָבער גאַנץ ווייט פון אַ נדבן, און מען זאָל אים העלפן צוליב אַן עקאָנאָמישע פני׳, האָט כמעט ניט געקאָנט זיין. מען האָט נאָר פאַר אים גרויס דרך־ארץ געהאַט, פאַר זיין מענטש, פאַר זיין גרויסקייט. שכל ווי צופירן האָט ער געהאַט, אָבער זייער אַ שוואַכע אַרמיי. און די מלחמה אויף דער אידעשער גאַס איז געוואָרן אַ גאַנץ ערנסטע.

אין יענער צייט, האָבן נאָך די יוגענט צוגענומען אַן אָנטייל אין דעם רעליגיעזן לעבן. איך געדיינק, ער, בעלי ז״ל, איז אַוועקגעפאָרן אין יעקאַטערינאָסלאַוו אין חודש אלול, און דער צד שכנגד האָט דערזען, אַז עס אינטעריסירן זיך מיט אים אַלעמאָל מער מענטשן, און עס ווערט אַ כח וואָס מען דאַרף זיך מיט דעם רעכענען, איז כדי די באַוועגונג זאָל ניט פאַרנעמען קיין צו גרויסן אָרט

— זיי האָבן געמיינט אַזוי, ער איז דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן פון דרייסיק יאָר[79], און אַ חסיד, פון וואָס זיי האָבן געהאַט זייער ניט קיין הויכע מיינונג, וועלן צו אים צושטיין עטליכע אַלטע אידן און גענוג. אָבער אַז די באַציאונג צו אים איז אַלע טאָג געוואָרן אַ בעסערע, און עס האָבן אָנגעהויבן צו אים גיין מענטשן אַלע ערליי קאַטעגאָריס —

האָט מען גלייך געמאַכט אַן אסיפה אין דעם בילדינג פון „אופראַוועס”[458], האָט דאָס דעמאָלט געהייסן. די איניציאַטיווע[459] איז געווען פון דעם שטאַרקערן צד, ווי איך האָב אויבן געשריבן, און מען האָט אַוועקגעשטעלט פּאָליציי ביים טיר, און מען האָט אַריינגעלאָזט זייער אַ באַגרענעצטן צאָל מענטשן, וואָס די מערהייט איז געווען פון

458) מועצת הקהילה.
459) יָזמה.

יענעם צד, במילא איז דאָרט דורכגעפירט געוואָרן החלטות ניט אינגאַנצן לטובת שניאורסאָהן.

און אויף מאָרגן אינדערפרי, נאָך דער אסיפה, זיינען אַרום געגאַנגען אונטער די פענצטער יונגעלייט, ווי זיי זיינען דעמאָלט געווען אָנגעטאָן, אין שוואַרצע העמדלעך, מיט לעדערנע גאַרטלעך, אַזעלכע וואָס האָבן קיין שייכות ניט געהאַט צום אָרטאָדאָקסישען לעבן, און האָבן געקוקט מיט אַזאַ געפיל, וואָס זיי האָבן מנצח געווען, און האָבן זיך מיט דעם זייער געפרייט.

* * *

## ער פלעגט אַלעמאָל דורכפירן

חאָטש זיין צד איז פון אָנהויב געווען אַ קלענערער, פונדעסטוועגן, פלעגט ער אַלעמאָל דורכפירן. אמת, ער האָט צו דעם געדאַרפט נוצן צייט און כח, ווייל בדרך כלל האָט ער אַלעמאָל געקעמפט פאַר אַזעלכע ענינים פון רעליגיעזן שטאַנדפונקט, און דער רוב פון דער קהלה איז געווען משכילים און פרייע.

אַמאָל האָט אַ דוקטור, אַ מעמבער פון קהלה, געזאָגט, אַז שניאורסאָהן איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער מענטש, נאָר אַ „буквоед"[460] הייסט דאָס אין רוסיש. ד.ה. אַז ער וויל אַלץ מקיים זיין יעדער געשריבענעם אות פון שלחן ערוך. אַז מיר נעמען לייענען די פראָטאָקאָלן פון די אסיפות, איז פאַרנומען מיט שניאורסאָהנ'ס פאָרשלאָגן, וואָס זיינען אונז גאָר ניט נוגע, און ער פירט דאָס אַריין אין אונזער געזעלטשאַפטליכן לעבן.

* * *

## מעביר געווען דעם שוחט

איך ווייס ניט צי ער האָט דאָס צופיל געזוכט, צי דאָס איז אים אַזוי

---

460) מדקדק בתכלית.

באַשערט געווען, אויף אַלעמאָל האָבן אַן אַנדער אורזאַך אויף ניט זיין רוהיק.

איך געדיינק שוין ניט די פרטים, נאָר עפּעס איז געווען מיט אַ שוחט, אַ צופאַל, וואָס ער האָט געקוילעט מיט אַ סכין פגום.

דאָס איז געווען פון די אַלטע שוחטים, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע משפחה פון אָנגעזעענע בעלי־בתים. האָט ער, שניאורסאָהן, אים מעביר געווען פון שחיטה אויף עטליכע חדשים, ווייל בטבע איז ער געווען אַ מבוהל.

דאָס איז געווען גאָר אין אָנפיינג פון זיינע רבנות, און דאָרט איז געווען אַ רב שוין עטליכע און דרייסיק יאָר, אַ עולמ׳עשער איד, וועלכער האָט געהאַט אַן אַווטאָריטעט אין שטאָט, וועלכער האָט זיך אַוועקגעשטעלט, אַז אָן אים זאָל מען גאָר ניט טאָן אין דער רעליגיעזער וועלט פון שטאט.

חסידים האָט ער שטאַרק ניט ליב געהאַט, איז ער געוויינליך געווען זייער ברוגז וואָס מען האָט זיך אַריינגעמישט אין זיין הנהגה. און עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז מען האָט געמאַכט עפּעס אַ גביית־עדות, און דער אַלטער רב האָט געבראַכט אַן עד, וועלכער האָט געזאָגט אַז ער איז אַ דורכפאָרער, נאָר ער קען דעם שוחט זייער גוט, און צופעליק האָט ער יענעם טאָג געזען[461], און אויף דעם האָט ער געשוואָרן.

עס איז אפילו ניט איינגענעם צושרייבן וועגען דעם, נאָר דאָס איז אַ פאַקט. איך געדיינק, ווי ער פלעגט זיך ערגערן בעת ער פלעגט דאָס דערציילן.

* * *

## די עדות שקר און דער נצחון פון שניאורסאהן

בעת דער עד איז אויפגעשטאַנען, ווי מען דאַרף על־פי־דין, אויף

---

461) כלומר: האיש טען שראה מה שאירע עם השוחט באותו יום שבו פסל אותו כ״ק רלוי״צ, והכחיש את האשמתו של כ״ק רלוי״צ כלפיו.

זאָגן די עדות[462] — דאָס איז געווען אַ איד מיט אַ רויטע באָרד — בעת דער עד האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט לויק גלייך דערקאָנט נאָך דעם קול מיט דעם רעדן אַז דאָס איז ניט אַ דורכפאָרער, נאָר דאָס איז אַ משגיח פון די שוחטים, אַ מקורב פון דעם אַלטן רב, וואָס האָט אַ שוואַרצע באָרד, און צוליב דעם מען זאָל אים ניט דערקאָנען, האָט ער זי אָפּגעפאַרבט אויף רויט, און האָט אָנגעטאָן שוואַרצע ברילן, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געטראָגן.

ער האָט גלייך אויף דעם קול אַ זאָג געטאָן מיט האַרץ: „ס'איז דאָך דוד דער משגיח, שקרן איינער", וואָס זאָגט איר אַז איר זיינט אַ דורכפאָרער! די וואָס זיינען געווען אין צימער האָבן אָנגעהויבן שמייכלען, ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז דאָס איז ריכטיק, און די גאַנצע אַרבעט איז געווען אַן אונטער געשטעלטע, מיט דעם הסכם, אָדער ציווי פון דעם רב.

דער ענין האָט זיך דורכגעפירט אַלץ ע"פ שלחן־ערוך, נאָר ער איז געלעגן צוויי וואָכן קריינק אין בעט.

* * *

462) ראה שבועות ל, ריש ע"ב. רמב"ם הל' סנהדרין פכ"א ה"ג. טוש"ע חו"מ סי"ז ה"א.

הציונים והמפלגות האחרות היו איתנים בהתנגדותם למועמדותו של שניאורסון, וכך נוצרו בקהילה שני צדדים.

אחד מהם — הצד החסידי — הונהג על־ידי פאליי. עובדה זו מזכירה לי את אמרתו של ר׳ לוי יצחק מברדיטשוב על אותו יהודי שהתפלל תוך כדי שימון גלגלי העגלה, שאפילו כשהוא משמן את הגלגלים הוא מתפלל... כך גם באשר לפאליי: לא אחת קרה שהוא ישב בעיצומו של יום השבת באמצע השדרה העירונית, כשסיגרייה בפיו, והוא מטכס עצה כיצד להביא לידי פועל את מינויו של הרב החסידי...

הוא אמר על כך, שבעיניו אין זו פעילות למען אדם יחיד, אלא כדי להבטיח ששיטת החסידות לא תשתכח, ובכלל — שהחיים היהודיים יתחזקו.

יהודים בעלי זקן לבן, ובכלל יהודים שהשתייכו לקטגוריות האדוקות יותר, שבכל נושא אחר היה פאליי שומר על מרחק ניכר מהם — בשאלה זו הוא התאחד אתם והפך ל״מנהיגם״.

יהודים אלה היוו את רוב המתפללים בבתי־הכנסת. הם היו בלתי־מאורגנים בעליל, כפי שהיו באותה תקופה כל היהודים מסוג זה ברוסיה, ולפתע היה עליהם ללמוד את כל חוקי הבחירות ולעסוק בתרגילים פרלמנטריים מחוכמים — דברים שבהם לא היה להם כל מושג. פאליי לימד אותם את כל הדרוש תוך כדי ישיבה בשדרה, כפי שתיארתי לעיל.

הצד השני הורכב מאנשים מפלגתיים, שבילו את כל ימיהם בתחום זה. מנהיגם היה הגביר הגדול ביותר בעיר, נדבן גדול, שרבים הצטרפו לעמדתו מתוך פחד שאם לא יעשו כך תיפגע פרנסתם. גביר זה רצה להיות בעל הכוח הגדול ביותר בקהילה. במספר מקרים הוא שכר אנשים למשרות שונות בעסקיו הפרטיים, ולאחר־מכן הצליח למנותם לחברים בקהילה.

פאליי היה אף הוא עשיר גדול, אבל רחוק מלהיות נדבן. כמעט לא ניתן היה להעלות על הדעת שמישהו יסייע לו לשם תועלת כלכלית; אך אנשים התייחסו כלפיו בדרך־ארץ בגלל אישיותו, בגלל הגדלות שבו.

שכל כדי לנהל את המאבק — היה לו, אך ״צבאו״ היה חלש מאוד, והמלחמה על הרחוב היהודי נעשתה רצינית למדי.

באותם ימים נטלו עדיין הצעירים חלק בחיי הדת. אני זוכרת

שהוא, בעלי ז"ל, נסע ליקטרינוסלב בחודש אלול, והצד שכנגד הבחין שככל שחולף הזמן מתעניינים בו יותר ויותר אנשים, ונוצר כוח שיהיה צורך להתחשב בו.

ובכן, כדי שתנועה זו לא תתפוס מקום גדול מדי

— בתחילה סבר הצד שכנגד, שמאחר שבעלי היה אז אברך בן שלושים בלבד, ולא עוד אלא חסיד, מאלו שהערכתם כלפיהם לא היתה כלל מן הגבוהות — בוודאי יתמכו בו אי־אלו יהודים קשישים ותו לא; אך בפועל השתפר היחס אל בעלי מיום ליום, ואנשים מכל החוגים החלו לפנות אליו —

התקיימה אספה מיידית בבניין מועצת הקהילה (ה"אופראווע", כפי שהוא נקרא אז). היוזמה לעריכת האספה היתה מהצד החזק יותר, כפי שכתבתי לעיל, והם הציבו שוטרים בדלת הכניסה, והתירו את הכניסה רק למספר מוגבל מאוד של אנשים, שרובם השתייכו לאותו צד. מובן, איפוא, שההחלטות שהתקבלו שם לא היו לגמרי לטובת שניאורסון...

למחרת בבוקר, אחרי האספה, התהלכו מתחת לחלונות הבתים חבורות צעירים — לבושים כפי שנהגו הצעירים להתלבש אז, בחולצות שחורות וחגורות עור — שלא היתה להם כל שייכות לחיים אורתודוקסיים, כשמבטיהם מביעים תחושת ניצחון. הדבר גרם להם שמחה רבה.

על־אף שהצד שתמך בבעלי היה מלכתחילה קטן יותר, בסופו של דבר תמיד עלה בידו להוציא את רצונו אל הפועל. אמת, היה עליו להקדיש לשם כך זמן וכוח, שכן בדרך־כלל הוא נאבק למען עניינים שהיו חשובים לו מנקודת המבט הדתית, בעוד רוב הקהילה היו משכילים וחפשיים בדעותיהם.

פעם אמר רופא אחד, מחברי הקהילה, ששניאורסון הוא אדם מעניין למדי, אבל הוא דקדקן מופלג ("буквоед" — כך נקרא הדבר ברוסית), כלומר — אדם שדורש תמיד לקיים כל אות הכתובה ב"שולחן ערוך". "אם נקרא את הפרוטוקולים של אסיפות הקהילה" — טען האיש — "הרי ששלושה רבעים מהם מלאים בהצעותיו של שניאורסון, דברים שאינם נוגעים לנו כלל, והוא מחדיר אותם בחיי החברה שלנו!"...

## מעשה השוחט ועד השקר

אינני יודע אם בעלי חיפש במיוחד הזדמנויות כאלה, או שכך יועד לו מלמעלה — אבל תמיד היתה לו סיבה לחוסר־מנוחה.

אינני זוכרת כבר את כל פרטי הסיפור, אבל היה זה מעשה בשוחט ששחט בסכין פגום. שוחט זה היה מזקני השוחטים בעיר, והיתה לו משפחה גדולה שכללה בעלי־בתים בולטים בעיר. הוא, שניאורסון, העביר את השוחט משחיטתו למשך מספר חדשים, שכן האיש היה מבוהל בטבעו.

מאורע זה היה ממש בתחילת תקופת רבנותו של בעלי. בעיר היה רב, יהודי לא־חסידי, שכיהן שם כבר ברבנות למעלה משלושים שנה, והיה בעל סמכות בעיר. הוא קבע לעצמו כלל, שבלעדיו לא ייעשה בעיר דבר בתחום הדתי.

חסידים — לא חיבב כלל, ותמיד היה שרוי בכעס רב על התערבותם בתחום הנהגתו[243]. הדבר הגיע לידי כך שבויימה מין "גביית עדות", והרב הקשיש הביא עד, שהעיד כי הוא נוסע המבקר בעיר, אך הוא מכיר את השוחט היטב, ובמקרה ראה מה שהתרחש באותו יום[244]. העד נשבע על עדותו זו.

אין זה נעים כלל לכתוב על מאורע זה, אבל מדובר במעשה שהיה. אני זוכרת כיצד בעלי היה סובל מצער כל אימת שהיה מספר זאת.

כשהתייצב העד, כנדרש על־פי דין[245], כדי להעיד את עדותו — היה זה יהודי בעל זקן אדמוני — ופתח בדבריו, הכיר מיד לוי'ק על־פי קולו וטון דיבורו שאין זה נוסע המבקר בעיר, אלא אחד מהמשגיחים על השוחטים, ממקורביו של הרב הזקן, שהיה בעל זקן שחור, וכדי שלא יכירוהו צבע את זקנו אדום, והרכיב משקפיים שחורות שמעולם לא נהג להרכיב. מיד הרים בעלי את קולו וקרא בהתרגשות: "הרי זהו דוד המשגיח, שקרן שכמותך! מדוע אתה אומר שאתה נוסע המבקר בעיר?!"...

על פני כל הנוכחים בחדר עלה חיוך, שכן הם ידעו שדברי בעלי אמת הם, וכל הסיפור היה מבויים — בהסכמתו או בציוויו של הרב.

בסופו של דבר בא העניין לידי פועל על־פי שולחן ערוך, אבל בעלי שכב חולה במיטה שבועיים תמימים בעקבות מאורע זה.

---

243) הכוונה כנראה למינויו של רלוי"צ.

244) כלומר: האיש טען שראה מה שאירע עם השוחט באותו יום שבו פסל אותו רלוי"צ, והכחיש את האשמתו של רלוי"צ כלפיו.

245) ראה שבועות ל, ריש ע"ב. רמב"ם הל' סנהדרין פכ"א ה"ג. טוש"ע חו"מ סי"ז ה"א.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב